בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ס"ח

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת בלק
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת דְּבָרִים, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת דְּבָרִים שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית הַשֵּׁם. גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ צוּזַאמֶען זֶעצְן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דִי מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים, מְנַהֲלִים, אוּן דֶער קֶעכֶער, כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּשְׁמוֹ הַטּוֹב יְבוֹרָךְ, יֶעדֶער זָאל זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט זַיין אַרְבֶּעט.

### אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער אִיז נִצְחִיּוּת

פַאר מֶען וֶועט שְׁמוּעֶסְן שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען בֶּעסֶער מַאכְן, וֶועלְן מִיר קוֹדֶם זִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַמְת וָואס מִיר הָאבְן.

'אוֹי! אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אוֹי! אִיז שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד', אָבֶער, 'אוֹי! אִיז שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן'.

פָארִיגֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶערֶעדְט פוּן דֶעם, אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פְּלַאן אִיךְ דָאס אִיבֶּערצוּזָאגְן יֶעדֶע וָואךְ בַּיים שִׁיעוּר פַאר דִי מְלַמְּדִים.

**"אוֹי! אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד"**; עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אָבֶער נִישְׁט דָאס 'מְלַמְּדוּת' אִיז דָאס וָואס מַאכְט שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, נָאר **"אוֹי! אִיז שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן"**; דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז בִּיטֶער אוּן שְׁוֶוער!

### פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן

עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען סֵיי וִוי נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן. יוֹנָה הַנָּבִיא הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן מוּסָר פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט נִינְוֵה; וָואס אִיז יוֹנָה הַנָּבִיא גֶעוֶוען? וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע נְבִיאִים? - זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מְלַמְּדִים! זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער: **"רַבּוֹתַי, מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן"**, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין אַ מְלַמֵּד, וַוייל עֶס אִיז צוּ אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן מִיט אַ שִׁיף, הָאט אִים אַ פִישׁ אוֹיפְגֶעגֶעסְן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

ווָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט דֶעם עָמָל, עֶר נֶעמְט דִי שְׁוֶועריקֵייט, אוּן טוּט מִיט דֶעם נִצְחִיּוּת, זַאכְן וָואס בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג.

וֶוען אַ מְלַמֵּד זִיצְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זָאגְט מִיט זֵיי: **"מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם..."** הָאט עֶר מְזַכֶּה גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער מִיט אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט, וָואס דֶער קִינְד זָאל נָאכְדֶעם טוּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, עֶר גֵייט חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועק גֵיין פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, אָבֶער דִי וֶוערְטֶער פוּן 'מוֹדֶה אֲנִי' הָאט זַיין נְשָׁמָה גֶעזִינְגֶען, עֶס אִיז אַ נִצְחִיּוּת, דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו פַאר זַיין זוּן (עַלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב תס"ו, ה' רְאֵה, שְׁנַת תר"ד לִפְרָט קָטָן): אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעפַאלְן אַזוֹי וַוייט אַז עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, עֶר אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי עֶר קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט טְרֶעפְן אִין זִיךְ עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה, אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם, רֶבִּי נָתָן כַאפְּט אָן דֶער מָשָׁל: **"אִין חֵדֶר הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט א"ב אוּן סִדּוּר אוּן חוּמָשׁ אוּן גְמָרָא"**. זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז דִי תּוֹרָה וָואס אַ קִינְד הָאט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר, דָאס אִיז אַזוֹי חָשׁוּב, אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן זֵייעֶר וַוייט קֶען זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם, וַוייל דָאס וָואס מֶען לֶערְנְט אַלְס קִינְד אִיז אַ נִצְחִיּוּת, דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

## אַ הֵיכַל פַאר מְלַמְּדִים

### בִּיסְט אַ אִיד - מַאךְ נָאךְ אַ אִיד!

אִין דִי לֶעצְטֶע הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג יָאר וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי גְזֵירוֹת אִין רוּסְלַאנְד וָואס דִי רוּסִישֶׁע רְשָׁעִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן אִידִישְׁקֵייט, אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע גְזֵירָה גֶעוֶוען, מֶען זָאל פַארְמַאכְן אַלֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אוּן יְשִׁיבוֹת, הָאבְּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע רֶבִּי'ס פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ [אִין חַבַּ"ד רוּפְט מֶען עֶס רֶבֵּיים], דֶער רֶבִּי מהר"ש, דֶער רש"ב, אוּן דֶער ריי"צ, אַיינְגֶעפִירְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל כַאפְּן אַפָּאר קִינְדֶער, אָדֶער אֲפִילוּ אֵיין אִינְגְל, אוּן עֶפֶּעס לֶערְנֶען מִיט אִים, אַ פָּסוּק חוּמָשׁ אָדֶער אַ הֲלָכָה.

דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי חֲדָרִים נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי סִיסְטֶעמַאטִישׁ וִוי הַיינְט, אַ חֵדֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בִּנְיָנִים מִיט בָּאסֶעס, נָאר יֶעדֶער הָאט גֶענוּמֶען קִינְדֶער בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי. דִי זַאךְ פוּן מְלוּמְדוּת, פוּן נֶעמֶען קִינְדֶער אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע יְסוֹד אִין חַבַּ"ד.

עֶס אִיז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע וָוארְט פוּן דֶער הֵיילִיגֶער ריי"צ, עֶר פְרֶעגְט, פַארְוָואס הֵייבְּט דִי תּוֹרָה אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה מִיט דִי מִצְוָה פוּן "פְּרִיָּה וְרִבְיָה", עֶס אִיז דָאךְ דָא נָאךְ אַסַאךְ הֵיילִיגֶע מִצְוֹת מִיט וָואס דִי תּוֹרָה וָואלְט גֶעקֶענְט אָנְהֵייבְּן? זָאגְט עֶר, פוּן דָא זֶעט מֶען, דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אָבֶער וָואס אִיז דֶער עִיקָר אוּן אָנְהֵייבּ פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה? דִי מִצְוָה פוּן "פְּרִיָּה וְרִבְיָה!" דָאס מֵיינְט: **"דוּ בִּיסְט אַ אִיד - מַאךְ נָאךְ אַ אִיד!"** מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט אָנְהֵייבְּן מִיט הֲלָכוֹת פוּן קָרְבַּן פֶּסַח אָדֶער פוּן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶער דִי תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט פְּרִיָּה וְרִבְיָה, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר [**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט:** פוּן דֶעם וָוארְט זֶעט מֶען אַז זַיין

קָאפּ אִיז גֶעלִיגְן אִין "חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת"].

'פְּרִיָּה וְרִבְיָה' מֵיינְט מֶען אוֹיךְ דִי מְלַמְּדִים, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז) דֶער תַּכְלִית אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מֶענְטְשׁ אָן שֵׂכֶל, אָן דֵעָה, אָן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז דָאךְ אַ חַיָּה בִּדְמוּת אָדָם, עֶר אִיז נָאךְ עֶרְגֶער וִוי אַ חַיָּה, דַארְף מֶען דָאךְ הָאבְּן דִי מְלַמְּדִים וָואס זָאלְן אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט.

## אַ הֵיכַל פַּאר מְלַמְּדִים

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָא אַ הֵיכַל פַּאר מְלַמְּדִים, פַּאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה.

אִיךְ ווִיל עֶנְק מְחַזֵק זַיין, עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן אַז עֶנְק טוּעֶן אַ מוֹרָא'דִיגֶע הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט! דָאס אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע חָשׁוּבְ'סְטֶע אַרְבֶּעט!

## מְלַמְּדִים דַארְפְן הָאבְּן כֹּחַ

וִויפִיל נָאךְ הִילְף מֶען דַארְף הָאבְּן אִין חֵדֶר, זָאל מֶען מִיר מוֹדִיעַ זַיין, אִיךְ וֶועל בְּרֶענְגֶען נָאךְ אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים צוּצוּהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען דַארְף, אִיךְ ווִיל דִי מְלַמְּדִים זָאלְן נִישְׁט זַיין אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, מֶען זָאל נִישְׁט פַאלְן פוּן דִי כֹּחוֹת.

הַלְוַאי וְהַלְוַאי זָאלְטְס עֶטְץ עֶנְק זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְּרִי, וֶועט עֶטְץ הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט עֶטְלִיכֶע מְלַמְּדִים וֶוען זֵיי לֵייגְן זִיךְ שְׁלָאפְן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: אֶפְשָׁר מַאכְט עֶטְץ עֶנְק אַ סֵדֶר אַז נָאךְ מַעֲרִיב רֶעדְסְטוּ מֶער נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, וֶוער עֶס טְרֶעפְט דִיךְ זָאלְסְטוּ אִים גְרִיסְן **"אַ גוּטֶע נַאכְט"**, אוּן גֵיי שְׁלָאפְן, מִיט דִי וַוייבּ קֶענְסְטוּ רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי וַוייבּ רוּט אוֹיךְ אוֹיס, אָבֶּער אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס דוּ דַארְפְסְט עֶרְלֶעדִיגְן, לָאז אִיבֶּער אוֹיף מָארְגְן.

## צוּפְרִי זֶעט מֶען אַז אַלֶעס אִיז מְסוּדָר

אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נֵייעֶ סֵדֶר, וָואס הָאט מִיר גֶעטוֹישְׁט מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעפִירְט אַז נָאךְ מַעֲרִיב טוּ אִיךְ גָארְנִישְׁט, אֲפִילוּ מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן לֶערְן אִיךְ נִישְׁט בַּיינַאכְט, נָאךְ מַעֲרִיב אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ גָארְנִישְׁט, אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן, אוּן פַארְטָאגְס וַוארְפְט מִיךְ דִי בֶּעט אַרוֹיס, זִיבְּן אַזֵייגֶער הָאלְט אִיךְ שׁוֹין נָאךְ אַלֶעם, דֶער טָאג אִיז מִיר גֶעוָוארְן לַאנְג. אַמָאל פְלֶעג אִיךְ אַלֶעס טוּן בַּיינַאכְט, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ פַארְרָאכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן גֶעעֶנְדִיגְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן עֶס פְלֶעגְט זִיךְ פַארְצִיעֶן לַאנְגֶע שָׁעוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן... וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר מִיד, הַיינְט שְׁטֵיי אִיךְ אוֹיף פְּרִי אוּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן!"

וָואס פַארְבְּרֶענְגְסְטוּ בַּיינַאכְט? נָאךְ מַעֲרִיב זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר יֶעדְן: **"אַ גוּטֶע נַאכְט", "אַ גוּטֶע נַאכְט"**, אוּן מִיט דַיין וַוייבּ וֶועסְטוּ שְׁמוּעֶסְן, אָבֶּער דִי אַלֶע זַאכְן וואוּ דוּ דַארְפְסְט גֵיין אוּן קוּמֶען - דָאס לָאז אוֹיף מָארְגְן צוּפְרִי, אוּן צוּפְרִי וֶועסְטוּ שׁוֹין זֶען אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז נָאר גֶעוֶוען בַּיינַאכְט, צוּפְרִי אִיז אַלֶעס מְסוּדָר, דוּ דַארְפְסְט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֵיין...

אַסַאךְ מָאל ווִילְן מִשְׁפָּחוֹת אַרוֹיפְקוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר בַּיינַאכְט, זָאג אִיךְ זֵיי: **"וֶוער עֶס ווִיל קוּמֶען רֶעדְן, זָאל קוּמֶען מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי"**, זָאגְן מִיר דִי אִינְגֶעלַייט אַז אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, צוּפְרִי אִיז אַלֶעס פֵיין, צוּפְרִי אִיז דִי וֶועלְט זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

## קוּמֶען אִין חֵדֶר פַאר דִי קִינְדֶער קוּמֶען אָן

אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים, מֶען זָאל קוּמֶען אִין חֵדֶר גֶענוּג פְּרִי, נָאךְ פַאר דִי קִינְדֶער קוּמֶען אָן, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן אַ פְּלִי אַרוֹיף מִיט דִי קַאר אוּן אַרַיינְלוֹיפְן אִין כִּתָּה מִיט אַ בֶּהָלָה.

אַז מֶען קוּמְט פַאר דִי צַייט, אוּן מֶען גְרֵייט אָן דִי כִּתָּה, מֶען רִיקְט דִי טִישְׁן, מֶען מֶעקְט אוֹיס דִי בָּאוֹרְד (טָאוְול) פוּן נֶעכְטְן, אוּן מֶען גְרֵייט אָן דִי טִיקֶעטְס - אִיז מֶען רוּאִיג אוֹיפְצוּנֶעמֶען דִי קִינְדֶער.

פַאר דִי מְלַמְּדִים פוּן דִי יוּנְגֶערֶע כִּיתּוֹת, אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּמֶען פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל זֵיי דְרֵייוְון דִי בָּאסֶעס פוּן דִי קִינְדֶער, אָבֶּער בַּיי זֵיי אִיז עֶס טַאקֶע נִישְׁט אַזוֹי ווִיכְטִיג, וַוייל קְלֵיינֶע קִינְדֶער זִיצְן דָאךְ נִישְׁט אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, קֶענֶען זֵיי מְסַדֵר זַיין דִי כִּתָּה וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין דָא, אָבֶּער דִי מְלַמְּדִים פוּן עֶלְטֶערֶע כִּיתּוֹת דַארְפְן אָנְקוּמֶען פְּרִי, צוּ מְסַדֵר זַיין דִי כִּתָּה, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן פִּינְקְטְלִיךְ וָואס מֶען גֵייט הַיינְט טוּן, דִי צֶען מִינוּט גֵייט זַיין אַ מַעֲשֶׂה, דִי צֶען מִינוּט גֵייט זַיין "מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה", דִי פוּפְצְן מִינוּט גֵייט זַיין אַ פָּסוּק חוּמָשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַרַיין גְרִיסְט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם **"אַ גוּט מָארְגְן"**.

## מַאכְן קַאפִּיס אַ וָואךְ פְרִיעֶר

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען אִינְמִיטְן טָאג 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אָקֶעי לָאמִיר מַאכְן קַאפִּיס פוּן אַ צֶעטְל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ טוּן'. אַלֶע קַאפִּיס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דִי וָואךְ דַארְף שׁוֹין זַיין אָנְגֶעגְרֵייט אַ וָואךְ פְרִיעֶר, הַיינְט דַארְף מֶען שׁוֹין מַאכְן דִי קַאפִּיס פַאר קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, עֶס אִיז אַ הֶערְלִיכֶע פַּרְשָׁה, מֶען קֶען שׁוֹין אָנְגְרֵייטְן דִי קַאפִּיס צוּ מַאכְן דִי תִּשְׁעָה בְּאָב שִׁיךְ, אוּן דִי הֲלָכוֹת פוּן זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט תִּשְׁעָה בְּאָב, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

## אַ מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ בֶּענְקֶען צוּ דִי קִינְדֶער

דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ עֶנְק, עֶטְץ זָאלְטְס לִיבּ הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ מֶעסְטְן אוֹיבּ מֶען הָאט לִיבּ דִי תַּלְמִידִים? אוֹיבּ מֶען קֶען אַמָאל נִישְׁט קוּמֶען פַאר דְרֵיי טֶעג אִין חֵדֶר, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ בֶּענְקֶען צוּ דִי קִינְדֶער דָאס אִיז אַ גוּטֶער סִימָן אַז מֶען הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער.

אֱמֶת עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זִיצְן אִין אַ כִּתָּה מִיט קִינְדֶער, אָבֶּער מֶען דַארְף זֵיי לִיבּ הָאבְּן, אַזוֹי וִוי פַאר עֶלְטֶערְן אִיז אוֹיךְ שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען טְרַאכְט: 'אִיךְ ווִיל אַוֶועקְגֵיין זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוֹיף אַפָּאר טֶעג', פוּן דֶעסְט וֶועגְן, בְּשַׁעַת מֶען רוּט זִיךְ אָפּ, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן בֶּענְקֶען צוּ דִי קִינְדֶער, אַזוֹי דַארְף אַ מְלַמֵּד טְרַאכְטְן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים: זֵיי זֶענֶען אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אִיךְ בֶּענְק מִיךְ צוּ זֵיי, אֵיי עֶס אִיז שְׁוֶוער מִיט זֵיי? - דִי לֶעבְּן אִיז סֵיי וִוי שְׁוֶוער, זָאל כָאטְשׁ מַיין לֶעבְּן אַרִיבֶּער גֵיין מִיט גוּטֶע זַאכְן וָואס וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג.

## אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פִּיר וֶוענְט פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן אַרְבֶּעטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶוענְט פוּן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים כז, ד): **"שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי"**, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פִּיר וֶוענְט פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶועלְכֶע דְזָשַׁאבּ מֶען וֶועט מִיר גֶעבְּן, צִי מֶען וֶועט מִיר גֶעבְּן צוּ זַיין דֶער לָאנְטְשׁ רֶבִּי, אָדֶער מַאכְן אֵייעֶר שְׁפַּייז פַאר דִי קִינְדֶער, אַרוֹיסְטְרָאגְן דִי מִיסְט, מַאכְן קַאפִּיס, זַיין אַ כִּתָּה ט' רֶבִּי, זַיין אַ נוּרְסֶערִי רֶבִּי, אַלֶעס וֶועל אִיךְ טוּן, אוּן אַלֶעס אִיז דִי זֶעלְבֶּע חָשׁוּב.

**אִיךְ גֶעדֶענְק פַאר אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט מִיט מַיין פַארְפוֹילְטֶע קָאפּ אַז צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אִין כִּתָּה ט' אִיז אַ בְּכָבוֹדִ'יגֶע אַמְט, אָבֶּער אַ קִינְדֶערְגַארְטְן מְלַמֵּד אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד [אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דָאךְ אַלְץ גֶעוֶוען רֹאשׁ יְשִׁיבָה..." - בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ טַאקֶע נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אָבֶּער מַיין קָאפּ הָאט גֶעטְרַאכְט אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ וִוי מֶען טְרַאכְט וֶוען וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק].**

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ בִּין אִיךְ

גֶעוואוּיר גֶעוָואְרן אַז כִּתָּה ט' אִיז 'אוֹיךְ' זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ אַמְט, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס דוּ טוּסְט מִיט דִי בָּחוּרִים, אָבֶער קִינְדֶערְגַארְטְן אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ! עֶר קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער פַאר זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן; אַז אַ קִינְד פַארְשְׁמִירְט זִיךְ אוּן דֶער מְלַמֵד זָאגְט אִים: **"עֶס אִיז גָארְנִישְׁט", "דוּ בִּיסְט וואוֹיל", "דוּ בִּיסְט גוּט", "עֶס קֶען בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם פַּאסִירְן"**, בּוֹיט עֶר אוֹיף דֶעם קִינְד אוֹיף זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס רֶעדְט נִישְׁט

אַ מְלַמֵד הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, עֶר הָאט אִין כִּתָּה אַ דְרֵיי יֶערִיג קִינְד וָואס רֶעדְט נִישְׁט, דֶער קִינְד זִיצְט אַיינְגֶעלֵייגְט אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר עֶפְנְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דָאס מוֹיל, וָואס זָאל עֶר טוּן?

אִיךְ הָאבּ דָאס מִיט אַ 'צֶען יֶערִיג קִינְד' וָואס אִיז פַארְיָאר אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אִין חֵדֶר, עֶר זִיצְט אַ גַאנְץ יָאר אוּן עֶפֶענְט זִיךְ נִישְׁט דָאס מוֹיל. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ בִּין דָאךְ זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען, מִן הַסְתָּם וֶועל אִיךְ טוֹיגְן אִים צוּ מַאכְן רֶעדְן', אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ זַיין כִּתָּה אוּן פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אַז דֶער קִינְד זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, אָבֶער נָאךְ אַלֶע טְרִיקְס הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ קְלֵיינֶע שָׁאקְל מִיט זַיין קָאפּ, אָבֶער עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט...

פַארְוָואס דֶער קִינְד אִיז אַזוֹי, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס גֶעוֶוען אִין זַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע חֵדֶר, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר זַיין מְלַמֵד: **"אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, גֵייט עֶר נָאךְ אָנְהֵייבְּן רֶעדְן, אֵיין טָאג גֵייט עֶר נָאךְ הַאלְטְן דְרָשׁוֹת"**.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל אַז אַ בָּחוּר קוּמְט אַרַיין אִין יְשִׁיבָה, אוּן עֶר שְׁטֵייט זֵייעֶר וַוייט פוּן מִיר, פְּרֶעג אִיךְ דֶעם טַאטֶען: **"וָואס גֵייט פַאר מִיט דַיין זוּן? פַארְוָואס לוֹיפְט עֶר אַלְץ אַוֶועק פוּן מִיר?"** זָאגְט מִיר דֶער טַאטֶע: **"מַיין זוּן טְרָאסְט נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעבְּרִיט אִין זַיין אַלְטֶע פְּלַאץ וואוּ עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, דָארְט הָאט עֶר גֶעהַאט טְרָאסְט אִין אִין אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ מַגִיד שִׁיעוּר, אוּן יֶענֶער הָאט אִים מוֹרָא'דִיג בַּאעַוְולָה'ט, זַייט דֶעמָאלְט הָאט עֶר מוֹרָא פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אֶפְשָׁר וֶועט מֶען אִים בַּא'עַוְולָה'ן"**.

אִיךְ וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, אַמָאל אַ יָאר, צְוֵויי, דְרֵיי, פִיר, בִּיז אִיךְ כַאפּ זֵייעֶר הַארְץ, בִּיז זֵיי הָאבְּן שוֹין נִישְׁט אַזוֹי מוֹרָא, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ קֶען נִישְׁט כַאפְּן זֵייעֶר הַארְץ, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, מִיט דִי צַייט וֶועט עֶס אַרִיבֶּער גֵיין, וֶועט עֶר הָאבְּן טְרָאסְט אִין זַיין וַוייבּ.

## וֶוען דַארְף מֶען פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד אוּן וֶוען נִישְׁט?

מְלַמְדִים זֶענֶען אַלְץ צֶעמִישְׁט, וֶוען דַארְף מֶען יָא פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד אוּן וֶוען דַארְף מֶען נִישְׁט פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, וֶוען אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי כִּתָּה, דַארְף מֶען עֶס אָפְּשְׁטֶעלְן, אָבֶער וֶוען אַ קִינְד אִיז שְׁטִיל, אַזוֹי וִוי דִי צְוֵויי קִינְדֶער וָואס רֶעדְן נִישְׁט - אִיז גָארְנִישְׁט.

בֶּאֱמֶת, אִין דִי זַאךְ פוּן 'קִינְדֶער וָואס שְׁטֶערְן' קֶען מֶען אוֹיךְ אַרַיינְגֵיין טִיפֶער, וַוייל וֶוער זָאגְט אוֹיף דִי זַאךְ וָואס דָאס קִינְד טוּט אַז דָאס דַארְף דִיר שְׁטֶערְן? וֶוער זָאגְט אַז דוּ דַארְפְסְט עֶס בִּכְלַל בַּאמֶערְקְן?! צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיבּ אַ קִינְד סְווִינְגְט זִיךְ (שָׁאקְלְט) זַיין בֶּענְקְל, הַאלְט מֶען אִים גֶעוֶוענְלִיךְ פָאר, וֶוער זָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי זִיצְן?! אָבֶער לָאמִיר נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין דֶעם שְׁמוּעֶס, לָאמִיר רֶעדְן פוּן זַאכְן וָואס הֵייסְט זִיכֶער שְׁטֶערְן, לְמָשָׁל אַ אִינְגְל שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן קְלַאס אוּן לוֹיפְט אַרוּם, אַזַא זַאךְ מוּז מֶען אָפְּשְׁטֶעלְן.

וִוי אַזוֹי אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ קִינְד וָואס שְׁטֶערְט, אִיז דָא אַסַאךְ וֶועגְן, מֶען קֶען עֶס טוּן מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט, מִיט גוּטְנְס, מִיט חֲנִפָה'נֶען, מֶען קֶען אִים מַאכְן פַאר אַ גַבַּאי, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען אִים אֵיינְמָאל אַרוֹיסְשִׁיקְן פוּן כִּתָּה, דָאס דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל וִויסְן דֶער רִיכְטִיגֶער מִיטְל וִוי אַזוֹי צוּ הֶעלְפְן אוּן מְחַנֵךְ זַיין דֶעם קִינְד.

## חוּצְפָה טָאר מֶען נִישְׁט צוּלָאזְן

נֶעכְטְן הָאט דָא פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה אַז אַ קִינְד הָאט אָנְגֶעשְׁפְּרִיצְט אַ מְלַמֵד מִיט וַואסֶער; מֶען דַארְף וִויסְן, מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס פַארְגִיטִיגְן, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): **"חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ"**, עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן אַן עוֹנֶשׁ פַאר אַ קִינְד. וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן, קֶען מֶען טוּן מִיט אַ מְלַמֵד וָואס מֶען וִויל? וֶועגְן דֶעם זָאלְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן חוּצְפָה'דִיג?! מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיךְ אַמָאל גֶעשְׁלָאגְן! נִישְׁט אַז מֶען זָאל יֶעצְט אָנְהֵייבְּן טֵיילְן פֶּעטְשׁ פַאר יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶער אַז אַ קִינְד טוּט אַ חוּצְפָה מֶעג מֶען שְׁלָאגְן.

וֶוער עֶס זָאל גֶעבְּן דִי פֶּעטְשׁ, דַארְף מֶען שׁוֹין זֶען, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה קֶען מֶען וֶוערְן זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוּן מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם שְׁלָאגְן צוּלִיבּ כַּעַס, אָבֶער וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג, מֶעג מֶען פָארְהַאלְטְן דֶעם קִינְד: **"וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן?"** אָדֶער קֶען מֶען מַאכְן אַז דֶער מְלַמֵד זָאל אַרַיין קוּמֶען אִין כִּתָּה צוּזַאמֶען מִיטְ'ן מְנַהֵל, אוּן אַזוֹי עֶס מְסַדֵר זַיין.

מֶען דַארְף שְׁטְרֶענְג פָארְהַאלְטְן אַזַא קִינְד: **"וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט דִיר?! בִּיסְט גֶעוֶוען אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע, דֶערְפַאר טוּסְטוּ וָואס דוּ וִוילְסְט מִיט אַ מְלַמֵד?! עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין חוּצְפָה'דִיג, מֶען דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג!"**

דָאס אִיז אַלֶעס וֶוען אַ קִינְד שְׁטֶערְט אָדֶער עֶר אִיז אַ מְחוּצָף, אָבֶער וֶוען אֵיינֶער שְׁטֶערְט נִישְׁט, נָאר עֶר זִיצְט מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע מוֹיל, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן גְלֶעטְן, בִּיז אֵיין טָאג וֶועט עֶר אָנְהֵייבְּן טְרָאסְטְן זַיין מְלַמֵד, אַמָאל קֶען זַיין אַז עֶר גֵייט זִיךְ עֶרְשְׁט עֶפֶענֶען אַ יָאר אַרוּם אָדֶער צְוֵויי יָאר אַרוּם.

דֶער מְלַמֵד קֶען מִיט חָכְמָה אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען דֶעם קִינְד, וֶוען מֶען דַארְף אִיבֶּער זָאגְן דִי חוּמָשׁ, זָאל עֶר הֵייסְן אַ אִינְגְל אָנְהֵייבְּן זָאגְן, נָאכְדֶעם זַיין שָׁכֵן, בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּ דֶעם קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט רֶעדְן, דָארְט זָאל עֶר טוּישְׁן דֶעם סֵדֶר אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוּן וֶוען מֶען קוּמְט נָאכְאַמָאל אָן צוּ דֶעם קִינְדְ'ס רֵייעֶ, דַארְף מֶען שׁוֹין גֵיין רִיסֶעס...

אַז מֶען וַוארְט בְּנִיחוּתָא, וֶועט עֶר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן.

## מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר קִינְדֶער

**דֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיין זוּן:** אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אַ פְּרִיוַואטֶע טוֹבָה, טוּ מִיר עֶס אַלְס 'הַכָּרַת הַטּוֹב'; אוֹיבּ מַיין קִינְד אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג זָאלְסְטוּ מִיךְ אַרִיבֶּער רוּפְן, אִיךְ וִויל אִים מְחַנֵךְ זַיין צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דֶער כִּתָּה ט' מְלַמֵד פוּן מַיין בָּחוּר: **"אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ מַיין בָּחוּרְ'ל וָואס לֶערְנְט בַּיי דִיר, אוֹיבּ עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וִויל אִיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין אִים גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ! אִיךְ וִויל נָאךְ אַרַיין כַאפְּן דָאס בִּיסְל צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ אִים נָאךְ צוּ מְחַנֵךְ זַיין, בַּאלְד הָאט עֶר שׁוֹין חֲתוּנָה, נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועל אִיךְ אִים נִישְׁט קֶענֶען גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ"**.

דֶרֶךְ אֶרֶץ מוּז מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען, מִיט דֶעם הֶעלְף מֶען דֶעם קִינְד, אַז נִישְׁט קֶען עֶר חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְוַואקְסְן אַ בֶּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה.

מֶען קֶען דָאס אָבֶער נִישְׁט זָאגְן פַאר יֶעדֶער מְלַמֵד, וַוייל מֶען קֶען זָאגְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אַז דָאס אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען קֶען מַאכְן יֶעדֶער קִינְד פַאר אַ מְחוּצָף; אִיךְ הָאף אַז דֶער מְנַהֵל וֶועט עֶנְק שׁוֹין מְחַזֵק זַיין אוּן אוֹיסְקְלָארְן וָואס אִיז חוּצְפָה אוּן וָואס נִישְׁט.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## חִינוּךְ אִיז אַ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה'דִיגֶע אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אֶלְעַד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶלְטֶערְן וָואס ווילְן הָאבְּן נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; טָאג אוּן נַאכְט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ, הֵיילִיג אוּן רֵיין.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ, עֶר הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטְן תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר לֶערְנְט אוֹיס אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן, זַיין הֵיילִיג; זָאגְסְט זֵיי אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אָנְצוּגְרֵייטְן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ זַיין הֵיילִיג; פוּן וואוּ זָאלְן קִינְדֶער ווִיסְן אַז מֶען דַארְף זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית? אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט – וֵוייסְט מֶען נִישְׁט; מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ מֶען זָאל מַסְבִּיר זַיין וְכוּ', דֶער תֵּירוּץ אִיז נֵיין; וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן קְדוּשָׁה זָאגְט מֶען דָאס אָן קַיין הֶסְבֵּרִים, אָן קַיין טַעֲמִים; מֶען רֶעדְט קוּרְץ אוּן שַׁארְף, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען דַארְף זַיין הֵיילִיג, דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן"; אָן קַיין פַארְוָואס אָן קַיין פַארְוֶוען, לֵייגְט נִישְׁט צוּ אוּן נֶעמְט נִישְׁט אַרָאפּ.

דֶערְצֵיילְט זֵיי וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיח:) אַז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם טִיטְל "הַקָּדוֹשׁ" וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשָׁה; עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גֶּדֶר, עֶר הָאט נִישְׁט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אוּנְטֶער דִי גַארְטְל כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, דֶערִיבֶּער רוּפְט מֶען אִים 'רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ'; דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גֶּדֶר פַאר קְדוּשָׁה אוּן צְנִיעוּת, אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אִין טַאשׁ.

אוֹיךְ דַארְף מֶען זֶען זֵיי זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל; דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גֶּדֶר אִין קְדוּשָׁה, זֵיי אָנְטוּן גֶעהֶערִיגֶע קְלֵיידֶער, נִישְׁט אוֹיסְגֶעפַּאסְט; עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל אוּן נִישְׁט גוּט אָנְצוּטוּן דִי אִינְגְלֶעךְ מִיט אוֹיסְגֶעפַּאסְטֶע הוֹיזְן.

אוֹיךְ דֶערְמַאנְט מֶען זֵיי כְּסֵדֶר אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם; דָאס אִיז דָאךְ דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר קְדוּשָׁה, וֶוען מֶען גֵייט מִיט דִי קִינְדֶער אִין גַאס אוּן עֶס אִיז דָא פְּרִיצוּת זָאגְט מֶען זֵיי מֶען זָאל אַרָאפְּקוּקְן, מֶען זָאל הִיטְן דִי אוֹיגְן. מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן, צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען.

וֶוען מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער אִין מִקְוֶה זָאגְט מֶען זֵיי אָן זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן.

חִינוּךְ אִיז אַ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה'דִיגֶע אַרְבֶּעט, חִינוּךְ אִיז וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט; וֶוען מֶען אִיז אוֹיף אוּן וֶוען מֶען שְׁלָאפְט. וֶוען מֶען לֵייגְט שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער זָאגְט מֶען זֵיי ווִי אַזוֹי צוּ שְׁלָאפְן, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס צוּ שְׁלָאפְן ווִי אַ אִיד – שְׁלָאפְן אוֹיף דִי זַייט, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ זַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט קְדוּשָׁה, נִישְׁט שְׁלָאפְן אוֹיף דִי רוּקְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְ'ן בּוֹיךְ.

אוֹיךְ לֶערְנְט מֶען זֵיי אוֹיס זֵיי זָאלְן אַלְץ גֵיין אָנְגֶעטוּן, נִישְׁט אַרוּם גֵיין אִין שְׁטוּבּ בְּלוֹיז מִיט אוּנְטֶער וֶועשׁ; עֶרְלִיכֶע אִידְן גֵייעֶן אַלְץ אָנְגֶעטוּן, בַּיי טָאג גֵייט מֶען מִיט טָאג קְלֵיידֶער אוּן בַּיינַאכְט גֵייט מֶען מִיט נַאכְט קְלֵיידֶער.

מֶען זֶעט קִינְדֶער שְׁפִּילְן מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, זֵיי לִיגְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, זִיצְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן; אִיז גָאר ווִיכְטִיג פַאר קְדוּשָׁה זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דָאס נִישְׁט צוּ טוּן.

וֶוען מֶען טְרָאגְט קִינְדֶער שְׁווִימֶען לֶערְנְט מֶען זֵיי אוֹיס צוּ שְׁווִימֶען מִיט קְדוּשָׁה; מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז אוֹיבּ אֵיינֶער זוּכְט זֵיי אָנְצוּכַאפְּן אוּן בַּאטַאפְּן זָאלְן זֵיי אַוֶועק שְׁווִימֶען אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָארְט.

אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער פוּן יוּנְגְוַוייז אָן יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיז מֶען זוֹכֶה, וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער – צוּ שֶׁעפְּן פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת דִּקְדֻשָּׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת אמור תשפ"א)

## פִירְן אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּיר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין בְּרוּדֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעגֶעסְן בַּיי דִיר שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט בַּיי דִי סְעוּדָה; אִיךְ הָאבּ אַלְץ לִיבּ צוּ נַאשְׁן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נָאךְ שִׂיחוֹת, נָאךְ שְׁמוּעֶסְן; אַלְץ פְרֶעג אִיךְ דִי בָּחוּרִים: "וָואס הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיי דַיין טַאטְנְ'ס סְעוּדָה?" אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ הֶערְן אַ פְרִישֶׁע שִׂיחָה.

דַיין בְּרוּדֶער זָאגְט מִיר ווִי מֶען הָאט זִיךְ גֶעקָאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה וָואס פַאר אַ חָרְבָּנוֹת דֶער נֵייעֶר פְּרֶעזִידֶענְט בֵּיידֶען הָאט שׁוֹין אָנְגֶעמַאכְט פַארְ'ן לַאנְד.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע ווִינְדֶער אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה זָאלְן רֶעדְן "אַזוֹינֶע שְׁטוּתִים!" פַארְגֶעסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, זַיין אַרַיינְגֶעטוּן אִין נַארִישֶׁע פָּאלִיטִיק, בִּפְרַט בַּיים שַׁבָּת סְעוּדָה וָואס אִיז אַ צַייט פוּן אֱמוּנָה, אַ צַייט פוּן דְּבֵקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל דִיר אוֹיפְוֶועקְן פוּן דַיין זִיסֶער חָלוֹם, ... נֵרוֹ יָאִיר, בַּארוּאִיג זִיךְ, בֵּיידֶען אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט; נִישְׁט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן אוּן נִישְׁט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט אוּנְז שֶׁעדִיגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אַזוֹי שֵׁיין.

אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי וֶועלְט זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין עֲבוֹדַת ה', אִין חִינוּךְ הַיְלָדִים. שַׁבָּת בַּיים טִישׁ זָאלְסְטוּ רֶעדְן נָאר פוּן שֵׁיינֶע זַאכְן, פוּן צַדִּיקִים, פוּן גוּטֶע מִידוֹת. רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פַאר אַנְדֶערֶע וֶועלְן רֶעדְן צוּ זֵיי, לָאז זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֵייעֶר מֹחַ.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת אחרי קדושים תשפ"א)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876